STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 17175

# RADYO

Perets Markish

THE MAX PALEVSKY YIDDISH LITERATURE COLLECTION

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-17175-1

D:\YIDDISH\TITLES\9780657171759T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Lief D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

פרץ מאַרקיש - ראַדיאָ (װאַרשע, אָקטאָבער, 1922)

**נאָך װיפֿל טרעפּ**

**צום שטערן פֿון געזאַלבטן באַרג?**

**נאָך װיפֿל טריט צום שפּיץ פֿון זיין געקרױנטער הױך?**

**און הימלען אָנגעשפּאַרט**

**מיט כמאַרע־שװאַרצע קעפּ,**

**אין זון -- אױף פֿלײצעס נאַקעטע, באַדאַכט**

**מיט רױטן רױך, —**

**און ברענט**

**און בלענדט**

**מיט זון באַגלײך,**

**אין לאָז מײן גורל זײן מיט אײך!..**

Пошла с Усогусом
чтоб он сине
показал где машину
собирать. Скоро приду

YCS
Box 92

פֿאַרגין אים אָנצוּנדן דאָס ערשטע ליכט,
דעם ערשטן שייטער־ווּעה פֿאַרגין אים, ברענענדיג, צעבלאָזן...
ער פֿרירט
א גאַנצע נאַכט אין גאַס, דער בלאָנדזשענדיגער ווינט,
— ס'זאָל עמיץ אים כאָטש אין א שטוּב אריינגיין לאָזן,
ער טראָגט אָן ווינדעלאך א ברעקל קינד—
— דעם העלן געטער־פּיין צעגאָסן...

פֿאַרגין אים אויפֿהייבגען דעם מלך־גלאָק אויף האַלדז דערוואָרגענעם פֿון וועלט,
דעם ערשטן קלונג אין האַרץ פֿון תּהומען אָנגיסן פֿאַרגין אים...
ער הייגט אליין שוין אויף דער גלאָקן־קייט אין קליידער שמעקנדע מיט שטאַלן,
— ס'זאָל עמיץ אים אַנטקעגן איבערגיין א שוועל
און אָפּשוימען פֿון אים דעם בלוטיגן באַגינען...

א וואָגן אַ צעבראָכענעם פֿון רעדער פֿיר פֿאַרפֿאַלענע,
שלעפּט ער, שווייגנדיק, דעם געטער־פּיין צעגאָסן,
אָ, קינד אָן ווינדעלאַך, אין בלאָטע בלוטיגער פֿארשמירטס...

פֿאַרגין אים אָנצוּנדן דאָס ערשטע ליכט,
דעם ערשטן שייטער־ווּעה, — פֿאַרגין אים, ברענענדיג, צעבלאָזן!...

אויף ווייסע קערפערלאַך פון הפקרדיגע שנייען וויסטע,
באַוואַשענער מיט בלוי פון אָוונטיגן ווינט,
ווייס איך נאָך אַלץ ניט, גאָרניט, וועמעס ביזטו,
קינד !..

אין בלויען ים פון אָוונטיגע אויגן
צו אַלע וועלטן־ווענט
געווענדט,
געבויגן,
—ווי אַ שוואַרצאַפּל שוידערסטו זיך, קינד, געהיים :
„אָט איז מיין היים,
אָט איז מיין היים!..“

און ליגן גאַסן צוגעשטיינט צו דר׳ערד
מיט הימלען נידריג זיך צוקאָפּן,
גלייך ווי אין פאַלנדיגער קריינק איבערגעקערט,
זיי פיבערן און כראָפּען,
און שפּייען איינס דעם אַנדערן זיך מענשן ווי חלומות,
און כ׳ווייס נאָך אַלץ אין חלום ניט, אַפילו, וואו דיין היים איז...

אָ, ווייסע קערפערלאַך פון הפקרדיגע שנייען וויסטע!,
— פאַרשפּיגענער מיט בלוי פון אָוונטיגן ווינט,
וועל איך ניט וויסן, קיינמאָל, וועמעס ביזטו,
קינד !..

ס'דאַכט זיך מיר, אַז איך בין אין אַ ברענענדיגן וואַלד

און ס'פליען אַלע פלאַקער־פלאַטערדיגעביימער...

וועה מיר!..

מיין וויגעלע שוין אויך

אַ צונג  אין רויטן גומען פון דער הויך

מיט אַלע פליענדיגע ביימער־פלאַמען,

מאַמע,

און הענטלאַך מיינע צוגעבונדן איינס צום צווייטן

מאַמע, מאַמע, מאַך ס'זאָל מיר ניט וועה טאָן!..

ס'דאַכט זיך מיר אַז אַלע ביימער לאָקערן נאָך מיר

מיט בלעטער, פליענדיג, ווי גיפטעגדיגע בינען,

דער וואַלד דער גאַנצער פלאַקערט — אַ מזבח,

און אויף דעם גייענדיגן פלאַקער, איינער, איינער, געה איך!

נאָר פייער ברענט מיך ניט און גיט מיך ניט קיין ריר...

און מיינע פיס שוין צוגעבראָטן איינס צום צווייטן,

מאַמע, מאַמע, מאַך ס'זאָל מיר ניט וועה טאָן!..

דו ביזט ביי מיר אויף ד'הענט,

איך בין דיין וויגעלע, פאַרבלאָנדזשעט קינד,

נאָר אַלע פינגער פרערן מיר און ברענען,

און ס'וויגט און שלעפט מיך פאַר די האָר דער ברענענדיגער ווינט!..

אויף דאַוונענדיקע גאַסן, געוועגדט ווי הענט פון פרויען,
געהט אום אַ טאָג — אַ אורח — אין פרעמדלענדערשן טרויער...
איך ווייס: עס וועט מיר קיינער, גאָרניט, היינט, געטרויען!
איז גאַס צו גאַס, איז ווינט צו וויגט, איז שניי צו שנייען !..

צו נאַכט וועט גאַנצע וועלט מיט רויט-לייב זיין פאַרזייעט,
און שליטנס-שליטעלאַך אויף זיי, ווי וויינענדע סירענעס ;
כ'וועל געהן צו-פיס! - מיט פרעמדלענדערשן טאָג אין צווייען
און קלייבן הענט אויף בעט פון שניי, ווי אָפּגעהאַקטע שפענער...

טראַמווייען לעמפּיקע אויף דאַוונענדיקע ווייסע הענט פון פרויען,
ווי קוילן גאָלדענע אויף שנייאיגע, אויף ווייסע ביליאַרדן,
פאַר וועמען איז דער וועג דער שנייאיגער פאַרשפּאַרט דען ?
איז לאָז מיר קיינער, קיינער, גאָרניט, היינט, געטרויען!..

אַזוי אָט אויף שטעכיגער שטרוי פון אַ שליטן
אינמיטן צעציפּלטן נאַכט־װעש פון פעלדער,
זיך טראָגן, זיך שיטן
פון װעלטן צו װעלטן
אויף טרייע פאָר פערדעלאַכס בלינדן באַראָט!

װאָס דען טוט א האַרץ אין א שטיבל א קרעציגס,
ביי שיין פון אַ קיינעץ, אין זויבער פון בעט־צייג,
חוץ מעסטן דעם לאַנגװייל מיט איינזאַמע טראָט?!

אַזוי־אָט מיט פּנים געצלמט ביים טיול:
פון פאָרנט — א װינט, און פון אונטן — א װיכער,
א אָפּגרונט ביי זייטן,
פון אויבן — די ערד מיט די װעלדער און ים׳ען
און אונטערן הילצערנעם שליטן — דער הימל!

היי, טאַטעס און זיידעס אין װייסע תּכריכים,
אַריבער די פּאַרקאַנס! ארויס פון בית־עלמינס!
און, פערדעלאַך־תּאוה
מיט סאַפּעניש — גיכער,
שוין צריק־װעגס זיי לויפן מיט העלדזער צו װייטן,
ארויף און אראָפּ פון אַ װעלט צו אַ צװייטער
אויף פרייען באַראָט פון צעכראַסטעטן װינט!..

וואָס דען טוט א האַרץ אין אַ ליימענעם פיר־עק,
מיט שטרוי אויפן קאָפּ צווישן פענסטער און טירן,
חוץ טראָגן דעם אומעט פון אַלמער צו אַלמער,
פון רגע צו רגע אים גיסן ווי נ׳פּלעשלאַך,
אין ליידיגע פלעשלאַך פון „טראָפּן״ און טינט?..

וואָס האָב איך צו אָרעמע, אייך, טאַטע־מאַמע,
ביי אָוונטיג שקאָרינקע שוואַרץ־ברויט פאַרדרימלט,
מיט שטיל־וואָרט אין נאַכט פון די ליפּן צערינענס:
— „גאָט ווייסט, וואו ער איז, ערגיץ, איצט, דער מיזינעק,
גאָט ווייסט, וואו סע שליידערט, וואו ס׳טראָגט אים דער ווינט!..״

איך בין דאָ, איך בין דאָ, אויף די רוסישע פעלדער,
אַראָפּ און אַרויף אין די שנייען איך ברען איצט!
אינמיטן צעציפּלטן ווינט־וועש פון פעלדער,
איך גנב׳ע די גרעניץ
פון וועלטן צו וועלטן!..

אָט רייט ער דאָרט, איוואַן צאַרעוויטש, אויף אַ ספינקס
מיט וואַסיליסאַ דער פאַרכשפטער נ׳די ארעם,
דער ברענענדיגער פויגל, ווי א כתר אויף די האר אים,
דאָס גאַנצע לאַנד וועט אים אַליין געהערן,
נאָר אָפרייסן באַדאַרף ער נאָך איין שטערן...

און איך בין אים אין וועג—א שטיין — מיט שטערנדיגע אותיות:
„די מדבר — רעכטס, דער ים — אויף לינקס,
צוריק — איז אָפגרונט, בלוט — פאָראויס איז!..״

אָ, גיב אים, גיב דעם וועג־ווינט, נאַכטלעגער ביי דיר אין שטאַל!..
איז וואָס—אז אויף די זוימען זיינע זינגען דאַרע זיבנדיגע זאַנגען?!..
פאַר וואונדן פון געקרייצטן — בעטלט ער ביי הימלען טל
און לאַטעט זיך די העמד מיט זייטלאַך פון יעוואַנגעל...

וועסט אָנקומען צום טאָג! וועסט אַיינגיין ביז באַגינען!
אויף מיר — אַ בלאַט, גלייך ווי אַ טראָפן האָניק איז געפאַלן...
אָט פינטלט שוין אַ פייערל פון דאָרף, כון הייזעלאַך פון גרינע,
אָט שפּאַרט זיך שוין דער שמעק פון קעלבערישע שטאַלן,
אָט פלאַקערט שוין דאָס בלוט פון שטערנדיגן שייטער...

און ס׳געהט דער האַרבסט, ווי אַ ציגיינערין אַרום פאַרברענט,
מיט א לויה־גלאָק פון שקיעה־גאָלד צעשמאָלצן,
און טרעפט אויף פאַלנדיגע בלעטער, ווי אויף קאָרטן רויטע,
און לייענט שטיל אויף בלוט פון שכר־זינגענדיגע הענט:
„ביי דיר אין שטאַל וועט זיין אַ גרויסער מאָלצייט
אַ גרויסער מאָלצייט פאַר די טויטע...״

ציגיינער! ס'וואַלגערט זיך אונטערן שטאַל אַן אויסגעשטערנט זויג-קינד,
פאַרדעקט מיט דאַרע זיבן זינגענדיגע זאַגגען...
אָ, גאַס-מוידן-מאַדאָנעס! ווער פון אייך האָט דאָ אַ קינד פאַרלייקנט?..
כ'האָב אויך, ווי בלעטער פון אַ בוים, געפליקט די זייטלעך פון יעוואַנגעל...

אויף קראַנקע בייטן דורכגענייט מיט דראָטן און מיט שרויטן,
זיך פאַשען טעג, ווי שאָף פון קיינעם ניט געשערן...
און ערגיץ קערוועט זיך צום ליידיג טאָרבעלע דאָס הונגעריגע מויל פון ספינקס...

— דיין קיסר'ש לייב דאָס בלוטיגע — אין טאָרבעלע פון ברויטן!
„צוריק—איז אָפגרונט, מדבר—רעכטס, פאָראויס איז—בלוט און זון איז—לינקס"
איוואַנושקאַ דוראַק! די גאַנצע וועלט וועט דיר אַליין געהערן!..

אין קריינשטאָט ברענען אַלע מויערן!
עס לויפן בלאָנדזשלינגען אַרום גאַס איין גאַס אויס,
באַשפיגענע מיט העלער שרפה׳דיגער שיין;...
נאָר צוגעשלאָסן זיינען אַלע טויערן!
קיין אָנגעצונדענער וועט ניט אַרויס,
קיין דורכגייער וועט ניט אַריין!..

אין קריינשטאָט ווייסע ווענט זיך וואַלגערן!
ווי שכר׳ע אין שטיינעריגן שויס
פון פלעצער אָפּגעוואַשענע מיט ווייץ;
מיט רויך און פייער דעכער שוואַנגערן!
קיין אָנגעצונדענער וועט ניט אַרויס,
קיין דורכגייער וועט ניט אַריין!..

אין קריינשטאָט גלעקער אַלע גלעקערן!
טרומפייטן-רוף איז שוידערליך און גרויס:
— וועלט-איינס! וועלט-צוויי! וועלט דריי!...
אומזיסט! מיט ברענענדיגע הענט אין וועג אריין!
קיין אָנגעצונדענער וועט ניט אַרויס,
קיין דורכגייער וועט ניט אַריין!..

היינט איז גענוג אַ אויפרוף זיין, אָן ענטפערן!
היינט איז גענוג אַ זינגענדיגער „אות"
אין שורה שטערן וואַכנדיג צו זיין;...
איך ווייס: איך וועל פאַרברענט ווערן!
קיין אָנגעצונדענער וועט ניט אַרויס,
קיין דורכגייער וועט ניט אַריין!..

ווי קויטיקע ליילעכער, ליגט איר פֿאַרדויכערט,

אָ, רוסישע שנייען,

פון צוגעשע שוואַרצע ציגיינערשע אָטעמס,

פון בלייענע הויכן,

פון הימלשן גראָ־זיין,

אָ, רוסישע שנייען,

מיט לעמפלאַך צעקאָפּן פון סטויפּישע רייען...

ווער האָט אויף אייך, בענקענדע שנייען, געטראָטן?

ווער האָט אייך פֿאַרלאָזן?..

ס׳וועט דורכגיין אַ שנעל־ווינט מיט שערן

און שטעכערס,

צעבייסן די דראָטן

פון וואַקסענדע הויך טעלעגראַפּישע סטויפּעס;

פון נאַכטן־לאַמטערנס

צעשטעכן

די אויגן,

נ׳ווי מיידעלשע בריסטן זיי סמאָקן, זיי זויגן,

און טויבע

זיי רייסן און וויגן און טרייסלען,—

ס זאָל קיינער אייך, שנייען, ניט קומען און טרייסטן!..

זיי האָבן שוין אַלע געשוואוירן דעם נעבל,
דעם וואָלענעם נעבל פון האַרבסיגע ווינטן,
זיי וועלן שוין וועבן,
זיי וועלן שוין צינדן...

אויף שנייאיגע פידלען פון מיידלשע קערפּערס
צעפלאַצן זיך, קאָרטשענדיג, סטרונעס ווי פיאַוועס
און ס'הוידען זיך זעגלען פון יונגען ווי ווערבעס,
איז ווי זאָלן כוואַליס פון שטילקייט ניט האַווקען?..

— אַז וואויל איז אייך, שיפער, אויף ימים פון האַלב־נאַכט,
וואָס קאָנען די נעצן פון אָפּגרונט ניט רירן,
וואָס קאָנען די ברכה'ס צום טאָג־לאַנד ניט פירן...

עס שווימען שוין שוואַלבן,
עס שווימען שוין שוואַלבן,
די שנייאיגע שוואַלבן פון שירה
און שלוה...

און זעגלען
אויף פליושענע פּאַלבן
פון האַלב־נאַכט,
צעגראַבלען ...
דאָס וואונד־פלייש פון רויט־אינדערפרי־שיין,
ווי אָדלערשע נעגלען
אויף פעל פון פאַרציקטן צעבלוטיגטן הירשל...

אָ! וואויל איז אייך, שיפער, אויף ימים פון האַלב־נאַכט,
וואָס קאָנען די נעצן פון אָפּגרונד ניט רירן,
וואָס קאָנען די ברכה'ס צום טאָג־לאַנד ניט פירן!..

אַ בריק איבערן שוידערליכן שוואַרצן צער־ים

צו זון פון וואָלגאַ־טייך פון רוסישן פאַרקלאָפּן;

גלייך ווי איקאָנעס הייליגע פון ווייַנענדיגער מוטער־מאַריאם,

בורלאַקעס טראָגן שרפה׳ס אויף די קערק צו שטאָט קאָנסטאַנטינאָפּאָל...

קראָנשטאַט אין שוים! אין פלאַטערדיגער פאָן פון זאַווערוכע!

אויף שטיקער אייז — פאַרוואונדעטע זיך טרייַנקען פורן...

— בורלאַקעס ברענענדיקע, אוכניעם!

קראָנשטאַט מיט שווערד מיט פייער און מיט שטורם!..

פון פעטראָגראַד ביז די קאַרפּאַטן אין איין פלאַקער!

פון ים פון קאַספּישן ביז ווויסלאַ אין איין רגע!

קאָנסטאַנטינאָפּאָל אויף די קערק פון זינגענדע בורלאַקעס,

אַ, שייטערס רוסישע, ווי שטערנדע קאָקאַרדעס אויף די וועגן!..

פֿון טאָרבעס אויפֿנייען זיך זעגלען,
זיי צובינדן צו דעמבלאַך ווי פּוכירן,
און טרונקען שטורעם מיט די נעגלען,
און גאָרניט האָבן וואָס פֿאַרלירן!..

אייך, טאַשען, אויסדרייען אויף דרויסגדיגער זייט
און מיט אייך מעסטן
שטורעם,
ווי מיט וועסלעס,—

— ווער טראַכט: צי נאָענט, צי ס'איז ווייט?
ווער פֿרעגט די צייט
אויף ציפערבלאַט, פֿאַרקלעפּטן מיט פּאַפּיר?

אַ, ווען פֿון ברוינעם הונגער דער געפּאַר שוין
וועט פֿלאַטערן אויף זעגלען, ווי אויף פֿאָנען,—
זאָל איך כאָטש אָנשפּייען איין גאַס פֿון ניו־יאָרק אָדער וואַרשע
אויף איר פֿאַרפּיצטער טענדלערישער דלאָני!

אַ פּאָר צילינדערס שוואַרצע אויף די פּיס!
און אויפן קאָפּ — אַ שטיוול מיט א רויטן שטערן!
ב׳אַזוי די הימלען אויסטופען ידיעות
פון אויספּירקאָם פון קאָמאינטערן!..

פלאַקאַטן אנציען פאַר יום־טוב דיגע מאַנטלען,
מיט בלעטער אויסגעקלײדט פון שטאָט צו שטאָט זיך וויקלען,
און אויפן אָפּגעברענטן פעלד פון רוסלענדערשן וואַנדלען
דערשלעפן מיט די הענט אַ קראַנקן פּאַראָוויק...

און וועמען געהט עס אָן מיין שטערנדיגער טריפן?
און וועמעס עסק — אַז מיין מאָלצייט איז פון וואָלגאַ־טייך די ברעגעדיגע ליים?
אָ, פון דער הויך אַראָפּטריטן דעם שטעמפּעלדיגן טריפוואַקס,
און אים די הונגעריגע קינדער אָפּטראָגן אַ היים!..

נאַלעווקיס — אויף מאַרשאַלקאָווער!
נאַלעווקיס — אויף לעש קיין לאָנדאָן!
נאַלעווקיס — ראַבאַט פון בבל!

ווי-ווי-ווי... פארקאָלטענעטער פלאָנטער,
ווי-ווי-ווי... פאַרשטינקענער געווימל,
— א יאריד איז אויפן הימל!..

טלתים זיידענע מיט שופרות
און ווי רציעות דאָלאַרן אויף דער האַנט אייך!
— היידאַ, היידאַ אין די הויפן,
האַנדעל! האַנדעל! האַנדעל!..

„גאָט זאָל העלפן" גאָרגלט, גאָרגלט!
ער וועט אָפּבאַרען אייך מאָרגן, —
באַרעט אָפּ, פאַרשוויצטע, אים היינט,
א יאריד איז אויפן הימל!..

קומט, איר, כלות, אויסגעלאַסן־אונפערשעמטע,
און זיין וועט איר היינט, אַלע, מיינע אנצאָליגע ווייבער;
כוועל טרינקען שקר פולע בעכער — אייך — פון העמדער?
און פייניגן מיט בייטשן אונזיגיגער פרייד אייערע לייבער!..

איר וועט פון וועלט־שמערץ גאָר מיר ניט פאַרטרויען,
אויף מיר וועט אָטעמען פון אייער פלייש — דער גרויסער ערד־צער,
אָ, יעדער אבר אייערער איז — פיין! איר זענט אַליין דער געטער־טרויער!
נאָר ס׳זאָגן אייך ניט אויס אייערע שטומע—מיט בריסטן האַנדלדיגע הערצער!

איך ווייס: — איר האָט זיך ערשט געוואַלגערט מיט גנבים און פארברעכער,
אָט קוקן זיי נאָך אַלע נאָך, חי איר וועט איצט מיט מיר פאַרבלייבן;
קומט! פון העמדער אייערע כ׳וועל טרינקען טרויער, ווי פון בעכער!
און פייניגן מיט בייטשן אונזיניגער פרייד אייערע לייבער!...

כ׳פליה — אַ טעלעגראַמע —, טראָגט מיך ווינט אָן דראָטן,
נאָר ניטאָ קיין נאָמען, וועמען איך געהער.
וואו זשע איז דאָס לאַנד דען? וואו זשע איז די שטאָט דען?
וועמען־דען באַמיה איך? וועמען בין איך שווער?..

גערט אַ קינד אין אָוונט, שטערנדלאַך אים זויגן,
„— וועמעס ביזטו, זויג־קינד?" פרעגט מען זיך אויף וויסט;
אָ, געשיקט כ׳בין ערגיץ, נאָר כוועל צריק אַזוי געהן,
ס וועט דער ווינט מיך לייענען אויף א קופע מיסט!...

כ׳בין — א טעלעגראַמע, טראָגט מיך ווינט דער טרעגער,
ווער איז זיך מטריח? וועמען בין איך שווער?
— ווינט, פון לאַנד אין לאַנד טראָג! טראָג פון וועג אויף וועגן!
ס׳וועט מיך דער דערקאָנען, וועמען איך געהער!..

— אַ ראַדיאָ, אַ ראַדיאָ, אַ ראַדיאָ דער וועלט!
אַ ראַדיאָ פון מלך־גלאָק, פון מאָסקווע!
פון לאַנד צו לאַנד, פון שטאָט צו שטאָט, פון שטוב צו שטוב, פון שוועל צו שוועל
פון ברעג צו ברעג, פון ים צו ימים — אויסגעהן!

דורך קעפּ צעבלוטיגטע אָן פאַנצערס און אָן מעש,
אין דר'הויך צעוואָרפענע ווי פליענדיגע קראַטערס, —

— אַ רויטע שטורמישע דעפּעש!
— אַ ווילדע וויכערישע ראַדיאָ!
— אָנוווערטעדיגע צעהן געבאָטן;

„— מיט זייד די הימלען רויט פאַרלאַטען,
און איבערייסן אַלע דראָטן
און מיט פּאַפּיר פאַרקלעפּן אַלע ציפערבלאַטן!״—

פון לאַנד צו לאַנד, פון שטאָט צו שטאָט, פון שטוב צו שטוב, פון שוועל צו שוועל
פון ברעג צו ברעג, פון ים צו ימים — אויסגיין,
א ראַדיאָ, אַ ראַדיאָ, אַ ראַדיאָ דער וועלט,—
פון מלך־גלאָק — אַ ראַדיאָ פון מאסקווע!

אָ, מיט פּאַפּיר־פאַרקלעפּטע ציפערבלאַטן,
אויף זייגערס הייגענדע אין שטעט
אויף לאַנגוויל־לייטנדיגע טורעמס!

אָ, זעגלען אויסגעצויגענע צו הימלען אויף געוועט,
ווי ניט פאַרשריבענע ווי לײדיגע פּלאַקאַטן!

— ווער רייטנדיק אויף זאָטלדיקע שטורעמס
מיט הענט זיך איינגעקעמט אין וויכערישע גריוועס גרינע,

ווער טראַכט: צי פריה, צי שפּעט?
ווער פרעגט: פאַרלירן, צי געפינען?..

מיין פלאַטערדיגן טאָג צום עשאַפאָט
ווען שוואַרצע דעמערס, ווי גלחים וועלן שלעפּן,
— זאָל איך איין זייגער כאָטש פון פאָקנדיגער שטאָט
זיין אַלטן לאַנגוויליגן ציפערבלאַט פאַרקלעפּן!..

און גרינס איז אומעטום!

און זון איז וואו איך קום!

פלאַנץ איך איין זיך וואו אַ צווייג איז,

וואו עס ברומדזשען באַלאַלייקעס,

נאָר פון ווינט צו ווינט,

— כ׳גלויב דיר, כ׳גלויב דיר, ווינט!..

ס׳איז אומעטום מיין היים!

און אומעטום איז שוים!

אויף די כוואַלישע אַסיפּה׳ס,

זעץ איך אויף זיך, וואו אַ שיף איז,

נאָר פון וועל צו וועל,

כּ׳טרוי דיר, כ׳טרוי דיר, וועלט!..

מיט עמער ליידיגע פאַרגייט מען מיר מיין וואַנדלען,
און ציען מיילער זיך פון שטעט צו מיר, ווי צו אַ ברונעם...
— „אָ, זינג אונז, זינגער, זעהונגען פון זוניגע געזאַנגען,
און פאַר די ווילדע ווינטן — אונזער בלאָנדזשענדיגן רונעם!..״

אויף ווייטע בלויע אָקיאַנען
זיך שטעכן זעגלען אין דער זון, ווי אין אַ קיט אַ רויטן...
אָ, שיפן מדבר׳שע, ווי זאַמדיג־הונגעריקע גראווע קאַראַוואַנען,
— אין מדבר — מן, אַ טרונק — פון שטיין, און זון — פאַר ברויטן...

אין ברייטן טאָל פון זינגענדיגן היי־שניט,
מיט גראַבלעס לייגט מען פולע פירן אָן מיט שטראַלן;
נ׳צום אָוונט־ברויט מיט ווינטעשע געזאַנגען און געררוישן
די זון, גלייך ווי אַן אָפגעהאַקטע קאָפּ אויף שפּיזן טראָגט מען צו די שטאַלן...

מיט עמער ליידיגע פאַרגעהט מען מיר אויף אַלע וועגן;
„אָ, זינג אונז, זינגער, זעהונגען פון בלוט, פון שרפה׳ס און פאַרטאָגן!..״
— איך געה אַליין נאָך טוי, — אייך אַלעמען, אַנטקעגן,
אַ קוואַל אַ בלוטיגן פון שטיינער זיך דערשלאָגן!..

אויף שטומע ווענט פון ליידיקע געוועלבער,
מיט פענסטער, געגעצדיגע לאַנגווייליג אויף מערק;
הייגגען זייגערס האָריגע ווי אָפּגעהאַקטע קעפּ פון קעלבער
און לעקן פוסטקייט מיט די אומרוה׳ס הין־און־העריק...

א אויגנבליק א הין — אויף שלינגענדיגער זייט,
אַ הער א אויגנבליק — און אָפּגעהאַנדלט, שוין...
און ס׳הויבן שטיל זיך הענט און שטעלן אָן אויף זיך די צייט
און ס׳ציילט זיך שטיל דאָס מינץ פון שוועבנדיגן שוים...

און הייזער סמאָקען פלייצעס ערדישע, גלייך ווי רפואה׳דיגע באַנקעס...
אָ, שטעל ניט אָן אויף מיר די צוועלעף אויגן, לאַנגווייל־פגר,
אַ טרייסל טאָן א הין־און־הער די צייט אַליין מיט גוואַלד!

איך וויל ניט וויסן ווען פאַרגאַנג איז!
איך וויל ניט וויסן וויפל איז דער זייגער!
איך וויל ניט וויסן וויפל איך בין אַלט!..

אויף אָפּגעקראָכן־גרויען ציפּערבלאַט פון קריינשטאָטישן ראַט־הויז,
אין דר׳הויך פאַרריסן איבער קעפּ און הייזער,
וואַרעמט זיך דער לאַנגווייל, ווי א קאַץ א פליכעוואַטע
מיט צוועלף געפּגרט־שלאָפנדיקע מייזלאַך...

אַ וועלכע שעה? א וואָסער טאָג? אַ וועלכע צייט זאָל היינט זיין?
אויף שטויביגן געלעגער פונעם לאַנגווייל...
די ציפער בייסן אים, ווי הונגעריגע וואַנצן
און קראַצט ער זיך מיט ווייזערס, ווי מיט שוואַרצע נעגל לאַנגע...

ב׳פון קלייסטערס קאָפּ, ווי פון א דענקמאָל־טורעם וויסטן,
דער צלם קוקט און וואַרט פונעם מעוברת׳דיגן „אייביג"
אַ פגר — אַ יריד, אַ שרפה, אַ מעת־לעת...

אָט וועט מען אים דעם לאַנגווייל הונגעריג א ביס טאָן,
וועט ער זיך שוין לויה׳דיג צעפרייפלען:
„איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף, זעקס...!"

אויף אַלע גרעניצן, ווער קאָן נאָך זיין ווי איך פאַרפאָלגט?
מען לאָקערט נאָך מיין יעדן שפּאַן וואָהין, וואָהין נאָר איך גיה..
נו, שלעפּט מיך, שלעפּט, צום סטויפּ פון עשאַפאָט,
איך בין אַ רוסלענדערשער בירגער!..

פון שוואַרצן ים ביז ווייסל-טייך די גרעניץ כ'האָב געשוואַרצט!
אָ, וועקט ניט אויף אייערע פּעלענע לאַמטערנס ;
קיין פּאַספּאָרט האָב איך ניט. איך האָב אין האַרץ
אַ רויטן ברענענדיגן שטערן!..

איר, וואַך-לייט, אָנגעטאָנענע אין גיפּס,
כ'גיה אייך פאַרביי מיט קאָפּ אין דר'הויך, צעשויבערט-גרייפנד ;
ניט וויל מיין האַרץ קיין צערטלדיגן שניפּס,
אויף אים זיך שפּילט אַ רויטער תליה'דיגער שלייפל..

אין אַלע לענדער וואַנדערט מיין געזיכט,
דער דרום פון מיין האַרץ און פון מיין קאָפּ דער צפון,
נו, נעמט מיך, בהעלפערס פליכיקע, באַזיכט ;
און איין אויג טויט, און ביידע — בבל!..

אָ, רוסלאַנד, אָנגעצונדענע אויף הויכן גרינעם באַרג,
פאַר גאָר דער וועלט אין דיין געריכט-טאָג!
ביזט גרייס, ביזט גרייט שוין אָננעמען דעם גזר,
און איך מיט דיר, דיין בלאָנדזשענדיגער דיכטער!..

זיי קומען אָן, ווי פֿון לויה'ס, און אַלע, אַלע מיר אַנטקעגן,
און אַלע טראָגן זיי אויף הערצער טויטע טויבן,
און אַלע שטויבּיג,
און אַלע פֿרעגן:
„— דו אויך? דו אויך אויף הארצן טויטע טויבן?.. "

זיי גייען ווייטער אויף לויה'ס און איך בין זיי אַנטקעגן,
מיט טויטע קעפּ אויף הינקענדיגע אַקסל,
און אַלע—וואַקס שוין,
און ליפּן זעגן:
„— אויף דיינע פעלדער אויך האָט ניט געוואַקסן?.. "

זיי קומען אָן פֿון מערק, פֿון זידיגע יארידן,
מיט אויגן אויסגעהאַנדעלטע אויף פּלייצעס, גלייך ווי טאָרבעס,
און אַלע — ברידער,
און אַלע — וידוי:
„— ביי דיר איז אויך אַ טאָג אַ נעכטיגער געשטאָרבן?.."

און אַלע, אַלע גלייך מיט אויפגעשפּאַנטע מיילער,
צום מויל צום אָפּעגעם פֿון וועלט פֿון טויבער,
און אַלע איילּיג,
די הענט געהויבן:
„—דו, וועלט, דו אויך אויף הארצן טויטע טויבן?

איר,

מיט פליגלען אויסגעקלעפטע אַרום בויך

גלייך ווי שפּאַליר,

איר,

ניכטערע, פאַרזעסענע אויף שטאַפּלען קלאָרע פון געבּרויך,

פאַרלעגערטע, צו שטאַם געשמידטע,

מיט פלעשלאַך טאָג געקויפטע אויף געוועג,

— פאַר אייך איז ניט קיין שמיטה,

מיט אייך איז ניט מיין וועג!..

נעמט מיך ניט איבער און מיין מיט

און ציילט מיר ניט די טריט!

איך וועל היינט

יום־טובן מיין עלנד

געהן

אַליין !..

אַ איינציגן פאַרמשפּטן אויף דראַנג,

וואָס געהט אייך אָן זיין גאַנג,

זיין וועג און זיין געזאַנג ?..

היי, איר, מיט זייגערס אין די פּרעק,

אין פּאַכוועס האַלטנדיג די קאָפּ,

איר. אַלע, — פון מיין וועג,

איר, אַלע, — אָפּ!..

איין טאָג און איין זון, און איין כּוח
האָט אונז ביידע
אונז ביידע פאַרזעהט דאָ,
אָ, גרייז-גראָווער זיידע!..
איין זרע באַפרוכפּערט דעם בויך
האָט פון דר׳ערד דאָ,
מיט אונז די פאַרקנעכטע...

דו סטריגעוועסט נאָטן
איך סטריגעווע שירות...

דיין אייניקל, זיידע, געראָטן
ביי דיר איז,
פאררוף אויף אַ קידוש צו זיך אין די דירות
אויף לעקעך מיט בראָנפן די גאַנצענע קלויז
און טרייב זיי און וואַרף זיי די שנאָרערס אַרויס!..

און איר, היי חבריות פון אונטער די הרובעס
מיט ציגענע בערדלאַך, — דערטאַפּט אים דעם פאַלגע
פאַרוואַרפט אים אויף שבת אַ שיינע עליה!
זיין ווייב האָט באַפרוכפּערט א דיכטערס א מאַמע,
פון אים וועט שוין שטאַמען
דאָס בבל׳שע הויז!..

אויף „האַליעס“ הייגגען פאַר די פיס אָנקעפֿלדיגע גענדז,
געפֿליקטע עופות, פֿלייש און קאַלענדאַרן ;
מען טאַפּט די אונטנס פֿלאָסטערשע מיט סמאָקערלאַך, פון הענט
מיט פינגער הונגעריגע דארע!..

אַ גוואַלדיגע „מאַטניאַ“ פון דינסטאָגס מאָנטאָגס און שבתים,
ווי אָט די טויטע אָפּגעפֿליקטע גענדז און עופות, —
מיט זומערס, ווינטערס, פֿרילינגען און אָסיענס...
ג'אויף יעדן קאַלענדאַר — אַן אָפּגעבליאַקטע תמונה פון אַ דיכטער
דער עולם קינד־און קייט איז אַ געדיכטער,
נאָר פֿלאַטשיק, פֿלאַטשיק דער פּאַרקויף איז!..

און מאָרדעווען זיך פייכטע נעוולעכער, ווי גריוון:

„ פסחדיגע שמאַלץ און אָפּדיעריקעס פעטע! “
„מיטוואָך, דאָנערשטיג און פרייטאָג איז ראש־חודש!“
„דרייצן אַ זייגער מיט 55 חלקים איז דער מולד!“
י“ז סיון
„ווען מען קוילען!“
„איינס אַ זייגער שקיעת — חמה!“
„חגא וועלן קראָמען זיין אַ טאָג, אַ גאַנצן אָפּן!“
„היט זיך פאַר גנבים!“
— „שיינקט אַ נדבה!“..

און ווינטן אָפּגעשליסן טרייבערן די גענדז,
זיי גייען טענץ
מיט בלעטלאַך, מיט קאַלענדאַריש־אויסגעקוקטע ווייטן,
ב'פאַרבלעטערן דעם „האַליסדיגן“ סדר פון די צייטן!..

אַ וואָגן פלייש, — דער אָנטרייבער — אַ פריידעק,
פאַרקערעוועט אויף בראַקירטס פון שטיינערנעם קאַיאַר;
בואַייען יעריגע, אַכט־טאָגעדיגע קעלבער
און לייב פון הונגעריגע זיבן מיינע יאָר!..

ס׳וועט מאָרגן שטינקען אין וויטרינעס פון געוועלבער,
און פרידען, שטינקענדיג, וועט זיך דער גאַנצער מאַרק;
און אָפּווישן די הענט אָן פאַרטוך וועלן טרעלבוכ׳ס
אויף איבערציילן ריין די אויסגעשמירטע מאַרק.

מיין לאַנד פאַרוואַקסט מיט גראָז? דער ניעוועסק איז ליידיק?
און ווי פון פליכעס, דאָ, צעלויפן זיך די פעטע האָר!..
אָ, קישט זיך, אַלע, ביי דער נאַכט, פאַרליבטע מיט די פריידעקס,
און מיטן לייב פון הונגעריגע זיבן מיינע יאָר!..

פון ווייסן צייגערשריפט, אין מיילער גלויטיגע, געגליהטן,
באַצייכנט זיינען פלעך פון מיינע הענט מיט רויטע מאַניפעסטן;
עס גליען טעקסטן אויף מיין לייב פון שטומע וואנזיניגע לידער,
און אַלע, אַלע ביבלען זיינען אויף מיין גוף געלעסטערט!..

וואָס דען זאָל איך מיט מיינע זעקס און צוואַנציג זינגענדיגע יאָר טאָן?
פאַר וועמען דען — דער שניי פון לייב מיינס טרויעריג-געפעסטעטס?
— קומט גליטשן זיך אויף מיינע פיס, די הענט אין שטורעם-היץ פאַרפלאָכטן,
בייסט אויס אויף לייב מיר — מאַניפעסט נאָך מאַניפעסטן!..

איך נעם אַייך אָן! איך נעם אייך אָן, פון שטומע ציין, אָ, תאווה'דיגע לידער!
איך זאַפּ אייך איין, ווי טוי — אַ פרילינגדיגער גאָרטן!
— פאַר וועמען דען צוויי הונדערט אַכט און פערציג טרויעריגע גלידער?
וואָס דען זאָל איך מיט מיינע זעקס און צוואַנציג זינגענדיגע יאָר טאָן?,,

ניִשטערט ניט, אָרעמע־לייט
דאָס אַש פון מײנע אויסגעטאָגטע שיפן,
ברודיגט, ניט אָרעמע־לייט
דאָס בלײ פון הארבסט־אויגנדע טיפן...

ניט פאַר די קרעץ פון שקיעה
איך מײן בראָך האַלט...
כאָכלט
דרײסט!
איך דאַרף ניט אײער טרײסט!

גנבֿ׳עט ניט די טריט
און געהט ניט אום געבויגן!
רודערט ניט מײן ליד
און בעטלט ניט בײ מײנע אויגן!
אויף גאָרגלען שפּילט איר — שפּילט!
בילט!
שפּײט!
באָר ניִשטערט ניט, אָרעמעלע־לייט!..

אין נים! איז האָב איך נאָך אַ לאַנד פון שטורמדיגן שאַ־שטיל...
דאָרט וואַרטן מיך אויף בערג געפּאַנצערט־זינגענדיגע שיפן;
— אריינגיין כוועל אין קריינשיף און באַפעלנדיג אַ רעש טאָן:
היי, שיפן — אָפּ! אָן שטורמענער! אויף שטיינער און אויף ריפן!..

איך האָב גענוג אייך, טעג, ווי בריקן איבער ים׳ען,
נ׳ווער ווייסט אייך, נעכט, וויפל איר זענט מיר נאָך פאַרבליבן?
— איך וועל אייך איבערגיין, און אונטער זיך, אייך, טאַנצנדיג, צעשטאַמען
און בייכער אויפגעריסענע פאַרראַמעווען פון נייע גריבער!

האָב איך פאַר׳שכר׳ט און פאַרטאַנצט פון האַרץ־קאַיוט די שליסל?,
זאָל אין די פרעמדע הערצער, זינגענדיג, מיין נאַכט זיין!..
— נאַט! זעהט מיין לייב, ווי ס׳איז צעציינערט און צעביסן,—
איך האָב גענוג סמנים בלויע אויפן האַלדז און אויפן האַרצן!..

אַזעלכע שורות גאַנצע מויערן,
ווי קאַסטנס שטיינערנע אַריינגעשטעלטע ציין ;
מיט גראָקייט וועלפישער, נאָך עפּעס אין דער לופט זיי לויערן,
ווי קליקעס נאָך געשליידערטן שטיק ביין...

נו, דינט! אויף פיס, אויף קנעכטיש־הינטעשע!
אַ שטיקל ברויט מיט בלוט באַשמירטן — נאַט אייך!
עס פאַלן אויף די גאַסן ערגעץ קליינע קינדער שוין,
נו, כאַפּט! אַרויסגעבראָכן זיך אַ צאָן האָט פון קרעשטשאַטיק!

פון פלאַקערדיגן שטורעם־ווינט אַ קוש? אַ גליה חילט איר?
עס בּיינקען שוואַרצע קוימענעס, ווי ציין—צעבלוטיגן אַ ווייסן שוואַן!..
— אויף פינגער שטעלט זיך אויף, פאַרגליווערטע,
עס שוועבּט אויף אייך אַ רוסישער אַעראָפּלאַן!..

עֶר שלָאפט דער בריק פון „דריטן מאַי“ ביים ווייסל אויפן האַרצן
אַ שמשון־שלָאף אַ שנייאיגן פאַרוואַשן מיט לבנה ;
עס גליטשן שטיל זיך ווייסע פעטערבורגער נעכט, ווי נאַקעטע מאַדאָנעס,
און שפריצן אויף אים שיין ווי מילך פון ברוסטן מיידלשע, פון צאַרטע.

מיט שטייער פראַגע אויף די קניה ; פאַרקעט צעזעגענער—די דעכער,
זיי שטייען שטיל, גלייך פון קברים אויפגעוועקטע שטומע געסט ;
און ווייסע פעטערבורגער נעכט אין העמדער זילבערנע ווי בעכער,
זיי וואַרטן אַלע, שווייגנדיג — אַ גרויסן מאַניפעסט...

און ס׳קלינגט!... האָט ניט ברייטפּלייצישער ליכאַטש זיך ערגיץ גלעקלדיג צעגאָסן ?
צי פייערלאַך, ווי פישלאך גאָלדענע אויף ברעג זיך רייסן ?
צי אַ פאַרשפעטיגטער פייטאָן האָט זיך צעקלונגען ביי אַ טעווער?..

אָ, פעטערבורגער ווייסע נעכט, פאַרפירטע אויפן ווייסל!
די פראַגער דעכער קרעכצן. אויף היטלען שוואַרצע פון מאַטראָסן
זיי שלעפן איצט דעם בריק זיך היילּיגן צום טייך, צום אומרואיגן — ניעוואַ!..

די רויטע צוגן-פענסטער זיינען טרויעריג און קאַלט;
ווי אויסגעווייטע אויגן פון אַלמנות, —
ס'שוואַרצאַפּלט זיך אין זיי מיין מענטשיש-טרויעריגער קאָפּ...
נ'אויף בלינדן ווייסעכל פון שנייאיג פעלד
באַטאָגן און באַנאַכטן
שוואַרצאַפּלט זיך אַליין דער ערגיצדיגער נאַכט-צוג...

אָ, יעדן פּלוצעמדיגן פייף, גלייך ווי אַן אָנגעריכטן חוב איך מאָן אויס!
נאָר יעדער כוטאָר-ליכטל וואַכט איך, יעדן פייערל געטרוי איך,
דער פרילינג-שניי פון ווייסן טרויער
געהט אפּ אין ריטשקעלאַך פון אומרוהיגן האַרצן...

אָט איז אַ דערפעלע. און אָט — אַ סטויפ מיט דראָטן-פול פאַרביי איז
און ווייטער ווייס,
און ווידער ווייס
און שטענדיג אָפּריכטן אַ חנוכּת-הבית...

אָ, וואויל איז מיר אַזוי פון טאָג צו נאַכט
דאָס שטיקל אָרט אין צוג צו-פירן אויף אַ באַנק!..

די גאַנצע וועלט איז קאַרג, מיט אויגן רחמים'דיג פאַרוויעט און פאַרקלאָפּט...
אָ, נאָר איין ווינקל—זאַלבע-אַכט
ביי צוגן-פענסטער — אויסגעווייגטע אויגן פון אַלמנות,
נ'שוואַרצאַפּלען זאָל זיך שטיל אין זיי דער מענטשיש-טרויעריגער קאָפּ!..

אָט די עלעקטרישע ציינער, בליצנדיגע פון באַרירונג דראָט מיט דראָט,
און אָט די זינגענדיגע צונגען, פלאַקערדיג, מיט בלוט באַלעקטע,
וואָס שליידערן דריי־שטאָקיקע טראַמווייען הין־און־צריק אויף אַלע עקן שטאָט,—
זיי שאַרפן זיך אויף מיר שוין, ווי אַ פליגלדיגער עקדעש...

זיי ווילן אויפפרעסן מיין לייב אין תאוה׳דיגן שלייפן,
מיין אומרוה אויסטרונקען, אין הויכן רויכיגע געשפאַנט,
אָ, דעמאָנס שטאָלענע מיט פייף ווי פליענדיגע רייפן
איך טאַנץ מיט אייך, צעווילדעוועט, דעם שווידערליכן טאַנץ!

פון אַלע זייטן — גרילצן יאָגן מיך מיט מרה־שחורה,
זיי ווילן איבערפאָרן מיינע אומרוהיגע פיס ;
אָ, אַבל׳דיגע שטעט, אָ, הונגעריגע רויכן,
איך רויכער זיך אין אייער נעץ, איך גיי אַליין, איך פליס!..

וואַגאָנעס אויסגעשטעלט, ווי צום באַפעל, פאַרגליווערטע סאָלדאַטן,
פאַרפוצט אין דייטשישע מונדירן מיט פענסטער צוגעמאַכטע טויבע;
די רויטע לעמפעלאַך אין לופט זיך ציטעריג באַראַטן,
און ס׳גליסט זיך אַזוי אויסזועצן די גלאַנציג־אויסגעווישטע שויבן...

אָן צוואַגציג אַכט. אַ ציטערל פון קעלט. אַ שוידער... „יאַזדאַ״
און ערגיץ קייעט קראַנקער פאַראָוויק אויף פעלד געוויינען;
— באַפעל איך אייך, וואַגאָנעס זאַטע, זיך צעכראַסטען,
און איר, דורך פענסטער אויף די דעכער, ליימיגע פאַרשוינען!

כ׳וועל גען צו דיר, צופיסן, רוסלענדערשע גרעניץ,
עס וועלן מיך אויף וועג באַגעגנען בשורה׳דיגע טויבן;
איך געה שוין, טויבן, צריק,—די דעכער ברענען,
צעזעצט כ׳האָב מיטן קאָפ די גלאַנציג־אויסגעווישטע שויבן...

פון הארצן די ווינט־מיהל אן תבואה זיך דרייט דא,
די קאפ אין א פענסטער פון שווינדיגן ברען ;
און דרייט זיך די קאפ, צי די וועלט, צי זיי ביידע,
און וו... און שווייגקען אין ווינט זיך די הענט...

וואַסיליסאַ! דיינע הענט אויף אַקסל — זיינען מלכות'דיגע פרענזן!
וואַסיליסאַ, דיין קאָפּ אויף ברוסט — אַ מלכות'דיגער אָרדען!
באַפעל: מדינות, שטעט און דערפעלאַך, ווי פערזן
און אַ געזאַנג פון שניטערנס זיך אָרדנען!..

אויף אַלע וועלטן-זייטן — פלאַטערדיגע פיר פלאַקאַטן!
ווי אויפגעריסענע פיר אויערן מיט שלינגענדיגע פייער-אותיות:
„— צוריק איז — אָפּגרונט, לינקס — אַ קראַטער,
די מדבר — רעכטס און טאָג—פאָראויס איז"...

צינדט אָן זיך, שייטערס רוסישע, ווי שחט'נדיגע מעסערס!
און פלאַקערט אויף—אַ קאַראַאוּל, אָ, וואַכנדיגע שטערן...
איוואַן צאַרעוויטש טראָגט א הירש אויף האַרצן: — כתר!
די וועלט, די גאַנצע וועלט וועט אים אַליין געהערן!